# ושכנתי בתוכם

**ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**[1] – מאַך פאַר מיר אַ מקדש וועל איך רוען אין **זיי**. זאָגן אויף דעם אונזערע חז"ל[2], אַז די שכינה רוט אין **זיי** – ביי אידן, **בתוך כל אחד ואחד מישראל**, ביי יעדער איינצלנעם אידן.

מיר געפינען אין אַ צווייטן אָרט אין חז"ל[3], וואו עס ווערט געזאָגט "**בכל מקום שגלו שכינה עמהן**" – וואו נאָר אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות איז די שכינה מיט זיי.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי מאמרי חז"ל איז:

"שכינה **עמהן**" מיינט, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך **מיט** יעדער אידן (אין דער זעלבער שטאָט און אין דער זעלבער גאַס וואו דער איד געפינט זיך); אָבער דער טייטש פון "ושכנתי **בתוכם**" איז, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך (און רוהט) **אין** יעדער אידן, אין זיין האַרצן אינוויייניק.

> **דער טייטש פון "ושכנתי בתוכם" איז, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אין יעדער אידן, אין זיין האַרצן**

און וויבאַלד אַז די האַרץ באאיינפלוסט אַלע אברים, ביז אַז זי **באַלעבט** זיי[4], איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז ווי אַ איד דערוועקט נאָר זיין אידישע האַרץ, האָט ער די פולע מעגלעכקייט דורכצופירן אַז אַלע זיינע מעשים, אַלע דיבורים און אַלע מחשבות, זאָלן זיין אָנגעפילט מיט אידישקייט – וואָרום ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קענען שטעלן זיך קעגן דעם אויבערשטן וואָס געפינט זיך אין זיין אידישער האַרץ.

* * *

די וועג אַריינצוברענגען דעם אויבערשטן צו זיך אינוויייניק, אין זיין אידישער האַרץ, אויך בזמן הגלות – איז דורך לערנען **תורה**.

ווייל אויף תורה זאָגט דער אויבערשטער "**ויקחו לי**[5] **– אותי אתם לוקחים**"[6]: דורך דעם וואָס מען נעמט די תורה, נעמט מען דעם אויבערשטן.

און תורה באַלאַנגט דאָך צו אלע אידן, ווי עס שטייט[7] "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**". אַז יעדער איד, ווי ער ווערט נאָר געבאָרן, האט ער בירושה די **גאַנצע** תורה וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן דורך משה רבינו.

**יעדער איד, ווי ער ווערט נאָר געבאָרן, האט ער בירושה די גאַנצע תורה וואָס דער אויבערשטער**

ובמילא דורך דעם וואָס מען לערנט די תורה, אָנהויבנדיק פון דעם פסוק "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**" – וואָס דאָס הויבט מען אָן צו לערנען מיט אַ אידיש-קינד גלייך ווי ער פאַנגט אָן צו ריידן[8] – ווערט דורך דעם אַנטפלעקט זיין פאַרבונד מיט דער תורה און מיטן אויבערשטן, וואָס "**אורייתא וקודשא-בריך-הוא כולא חד**"[9] (תורה מיט דעם אויבערשטן איז איינס).

און דורך דעם וואָס אידן אַנטפלעקן דעם מקדש וואָס געפינט זיך אין זייער האַרץ (דער "ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד"), וועט מען זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו, וואָס "**יבנה מקדש במקומו**"[10], ער וועט אויפבויען דעם מקדש אויף זיין ריכטיקן אָרט, וואָס דאָס איז דער אמת'ער אָרט פון דעם אמת'ן משכן און מקדש פון דעם אויבערשטן, במהרה בימינו ממש.

(ל"ג בעומר תש"מ)

---

1) תרומה כה, ח. 2) ראה ראשית חכמה שער האהבה פרק ו קרוב לתחלתו. אלשיך תרומה עה"פ. של"ה סט, א. 3) מגילה כט, א. 4) ראה זוהר חלק ג רכא, א. תניא אגרת הקודש סימן לא. ועוד. 5) תרומה כה, ב. 6) ראה שמות רבה פל"ג, א. שם, ו. תניא פרק מז (סז, א). 7) ברכה לג, ד - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 8) סוכה מב, א. הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן פרק א סעיף א. 9) הובא בתניא פרק ד וריש פרק כג בשם הזהר. – ראה זהר חלק א כד, א. חלק ב ס, א. ועוד. 10) רמב"ם הלכות מלכים סוף פרק יא.